בס"ד

דער בלעטל

# טיב הקהילה

אויף אידיש

יו"ל ע"י קהילת שבתי בבית ד'

בנשיאות מורנו ורבנו הרה"צ
רבי גמליאל הכהן רבינוביץ שליט"א

ויקהל
כ"ב אדר תשפ"ה

די צייטן לויט אופק ירושלים

זמני הדלקת הנרות ומוצ"ש

| | |
|---|---|
| הדה"נ | 5:16 |
| מוצש"ק | 6:29 |
| ר"ת | 7:09 |

סוף זמן קריאת שמע ותפילה

| | | | |
|---|---|---|---|
| סוזק"ש א' | 7:58 | סוז"ת א' | 9:14 |
| סוזק"ש ב' | 8:40 | סוז"ת ב' | 9:42 |

די צייטן לויט די ווינטער זייגער

גליון מס':
קכ"ז
שנה ג'


## טיב הפרשה

# כעס אין שבת צינדט אן די פארלאשענע גיהנם

## לא תבערו אש בכל מושבתיכם

די וואכעדיגע פרשה הייבט זיך אן אז משה רבינו האט צוזאמענגערופן אלע אידן און זיי אנגעזאגט איבער די מצוה פון שבת קודש.

דער שבת קודש איז א צוזאמענשטעל פון ניין און דרייסיג מלאכות, אבער די תוה"ק איז דא מדגיש די מלאכה פון הבערת אש - אז מען זאל נישט אנצינדן קיין פייער אין שבת קודש.

על פי פשטות מיינט די תוה"ק אז מען זאל נישט אנצינדן קיין פייער, אבער עס קען זיין אז די תוה"ק האט דא נאך א דערהער און דאס איז איבער די איסור פון 'כעס' אין שבת קודש.

מיר ווייסן אז כעס איז אייביג א הארבע זאך, אבער אן עקסטערע הארבקייט איז דא צו ווערן בכעס אין שבת קודש.

א מורא'דיגע לשון איז דא דערוועגן אין תיקוני זוה"ק און מיר ברענגען דא אראפ לשונו בקודש (תקון מ"ח דף פה.) וז"ל: זכאה איהו מאן דנטיר דירה לשבת, דאיהו לבא, דלא אתקריב תמן עציבו דטחול, וכעס דמרה, דאיהו נורא דגיהנם, דעלה אתמר לא תבערו אש בכל מושבותיכם ביום השבת, והכי הוא ודאי, דכל מאן דכעיס, כאלו אוקיד נורא דגיהנם עכ"ל.

אין די זוה"ק ווערט מבואר א מורא'דיגע זאך. מיר ווייסן אז די גיהנם רוט שבת, אז ווען עס קומט שבת קודש פארטרייבט מען אלע נשמות פון גיהנם און זיי האבן מנוחה, אבער דא איז דער זוה"ק מגלה אז דורך די חטא פון כעס צינדט מען אן די אש הגיהנם.

אין מערערע ערטער טרעפט מען די קשר צווישן די כעס און די גיהנם.

חז"ל זאגן אונז אין די גמרא [נדרים כ"ב] כל הכועס כל מיני גיהנם שולטים בו רח"ל.

אין די ספרי קודש איז מבואר אז דער קשר צווישן די צוויי זאכן איז אז ביידע ציען זיך צום זעלבן שורש. די וועלט איז א צוזאמענשטעל פון די פיר יסודות אש. מים. רוח. עפר. און אין דער גיהנם איז שולט דער יסוד האש און אויך ווען דער מענטש ווערט אין כעס איז שולט אויף אים דער יסוד האש.

עס קומט אויס לויט דעם אז שבת דארף מען האבן א דאפעלטע זהירות אין כעס, ווייל אז מען ווערט אין כעס צינדט עס אן די גיהנם.

דאס זאגט די תוה"ק אן דא, ער געבט אן עקסטערע אזהרה אויף כעס אין שבת קודש, אז מען זאל נישט ווערן בכעס אין שבת קודש,

>>> | המשך אין עמוד ב' |

## טיב המערכת

# אן עצה פאר ענוה

לאמיר זיך פארשטעלן אז אין א טאג טרעפן מיר זיך אינאיינעם מיט איינער פון די גדולי הדור, וועמען מיר האלטן זייער חשוב, און אט דער גדול האט ארויפגעלייגט אויף אונז א געוויסער אויפגאבע, ערקלערנדיג אז אויב מיר וועלן עס וועלן מיר אים דערמיט שטארק ארויסהעלפן, צודען וואלטן מיר זיך אפגעזאגט דערפון? מיר וואלטן אוודאי אויסגענוצט דעם געלעגנהייט וואס איז אריינגעפאלן אין אונזערע הענט, כדי מיר זאלן אים קענען העלפן, און אפילו אויב דאס וואלט געווען א גרינגער זאך וואס יעדער איינער קען צושטעלן, וואלטסטו זיך שטארק געפריידט אויף די געוואלדיגער זכיה וואס דו האסט זוכה געווען, צו קענען טון א טובה פאר אזא געהויבענער פערזענליכקייט.

און פונדעסטוועגן, כאטש מיר וועלן זיין זייער פרייליך, וועלן מיר אוודאי פארשטיין אז עס איז נישט שייך זיך צו בארימען דערמיט. צודען האב איך זוכה געווען דערצו צוליב מיינע ספעציעלע כשרונות? דאס איז דאך עפעס וואס יעדער איינער קען טון. נאר וואס דען? מן השמים האט מען מיר אויסגעקליבן, און מען האט מיר געשאנקען אט די געוואלדיגע זכיה.

מיט אט דעם משל, ווילן מיר ארויברענגען א הדרכה פאר אן עובד השם, וועלכער וויל געראטעוועט ווערן פונעם עצת היצר וועלכער וויל ערוועקן אין אים א מחשבה פון זיך שטאלצירן. דער ציל פונעם יצר הרע איז דאך, אנצוזייען שוועריגקייטן ביים עובד ה', כדי אים צוריקצוהאלטן פון אויספירן דעם רצון ה'. אבער צומאל איז מען פון הימל מזכה דעם מענטש מיט א הארה דקדושה, און וויבאלד דער מענטש האט 'גדלות הדעת' האט נישט דער יצר קיין כח אים צו אפהאלטן פון דינען דעם אויבערשטן. אבער דעמאלטס קליגט זיך דער יצר און ער איז מעורר אינעם מענטש א מחשבה פון זיך גרויסהאלטן, און ער זאגט אים "דו האסט זוכה געווען צו עפעס וואס אנדערע האבן נישט זוכה געווען". דערמיט האפט דער יצר הרע אז ער וועט קענען לייגן א מום אויפן קרבן, וואס דאס איז די תורה און עבודה וואס מען האט מזכה געווען מן השמים פאר דעם מענטש. און דעמאלטס ליגט א פליכט אויפן מענטש אז ער זאל זיך מתבונן זיין, און ער זאל פארשטיין אז טאקע 'מצד עצמו' האט ער נישט קיין שום מעלה און גרויסקייט מער ווי א צווייטן, נאר מן השמים האט מען אים מזכה געווען מיט א 'הארה דקדושה' כדי ער זאל קענען דינען דעם אויבערשטן דערמיט, און ווען נישט די הארה וואלט ער געווען פונקט אזוי ווי זיין חבר וועלכער האט נישט זוכה געווען דערצו, און דורכדעם וואס ער וועט דאס גדענקען וועט ער קענען אוועקשטופן דעם יצר, און געראטעוועט ווערן פון גאוה און שטאלץ.

אט דער ענין זעען מיר אין די פרשה פון די וואך, וואו עס ווערט ערקלערט וויאזוי דער משכן איז געמאכט געווארן. און ווען עס ווערט דערמאנט די וועלכע האבן עוסק געווען אינעם אויפשטעלן דעם משכן, זאגט די הייליגע תורה 'וְעָשָׂה בְצַלְאֵל וְאָהֳלִיאָב וְכֹל אִישׁ חֲכַם לֵב אֲשֶׁר נָתַן ה' חָכְמָה וּתְבוּנָה בָּהֵמָּה לָדַעַת לַעֲשֹׂת אֶת כָּל מְלֶאכֶת עֲבֹדַת הַקֹּדֶשׁ', און דער פסוק איז מדייק און זאגט אז די 'חַכְמֵי לֵב', כאטש זיי זענען געווען די וועלכע האבן זוכה געווען אויפצושטעלן דעם משכן, איז דאס אבער נישט געווען מצד זייער מַהוּת, נאר דער אויבערשטער איז דער וואס האט זיי געגעבן די חכמה, און דעריבער, כאטש זיי האבן זוכה געווען צו מאכן אן ארט וואו דער אויבערשטער וועט רוען, האבן זיי נישט מיט וואס זיך צו גרויסהאלטן איבער אנדערע.

(עפ"י טיב המועדים – ויקהל)


טיב ההודעות

מען קען הערן שמועס'ן און דרשות
פון מורנו ורבנו שליט"א - אין א עקסטערע נומער
אידיש: 073-2951321 לשה"ק: 073-2951320


יו"ר הוועדה הרוחנית: ר' יעקב רבינוביץ | עורך: ש. גולדשטיין

המשך פון עמוד א' |

ווייל עס צינדט אן די גיהנם.

איך האב אינזינען געהאט אז עס קען זיין אז וועגן דעם פעלט אויס אן עקסטערע אזהרה אויף כעס אין שבת ווייל עס איז מער מצוי אז שבת זאל מען ווערן אין כעס ווי אין די וואכענטעג.

דורכאויס די וואך איז א מענטש מער טרוד מיט די געשעפטן. ער איז אונטער גרעסערע דרוק, אבער דאגעגן אין שבת טרעפט ער זיך מיט אסאך מענטשן וואס ער טרעפט נישט אגאנצער וואך, און אויב עס איז דא אזאנע פערזאנען וואס ברענגען אים לידי כעס קען ער גרינגער ווערן אויפגערעגט.

אזוי אויך טרעפט מען זיך מער מיט די משפחה, און צומאל איז דא א קינד וואס ברענגט אים לידי כעס אדער א געוויסער געוואוינהייט אין שטוב וואס צינדט אים אונטער. אין די צייט וואס אגאנצער וואך פארגעסט ער פון דעם - וועט ער שבת ווערן מער נכשל ווערן בכעס, און עס צו פארמיידן פאדערט זיך אן אזהרה יתירה.

בדרך רמז קען מען זאגן אז די בחינה איז מרומז אין פסוק. ווען מען לייענט איבער די פסוק פון 'לא תבערו אש' פארשטייט מען פארוואס עס שטייט 'ביום השבת', אבער עס ווערט שווער פארוואס שטייט די ווערטער 'בכל מושבתיכם', אבער עס קען זיין אז עס איז מרמז אויף די דערמאנטע בחינה ווען א איד איז אין זיין 'מושב' און ער זיצט ביי אים אין שטוב און עס ווערט מקויים דער 'בכל מושבתיכם' אז אין אזא צייט איז די חשש פאר כעס גרעסער און שטערקער ווי געווענליך און מען דארף אויף דעם א באזונדערע אזהרה.

די חשש פון כעס איז דא סיי שבת אבער ביתר שאת איז עס דא פאר שבת. דער יצר הרע האט אן עקסטערע כח צו שטערן דעם איד ערב שבת, ווי מען זעט ביי די מעשה פון הלל הזקן [שבת ל"א] און אין נאך ערטער.

דער כעס איז סיי שלעכט בגשמיות אבער אויך ברוחניות. עס איז ידוע פון ספרי קודש איבער די שווערע פגם וואס כעס לאזט איבער אויף די נשמה, ווי עס ווערט געברענגט פון דער אר"י הק' אז אויף די פגם פון חטא הידוע דארף מען פאסטן פ"ד תעניתים אבער אויף כעס דארף מען פאסטן קנ"א תעניתים.

א שטארקע אריכות איבער די נושא האט ער אין שער רוח הקודש, דארטן זאגט ער אז כעס שטערט פאר רוח הקודש.

א מורא'דיגער שטיקל איז דא איבער כעס אין שער היחודים פון הגה"ק רבי חיים וויטאל זצוק"ל איבער וואס עס געשעט מיט'ן מענטש ווען ער פאלט אריין אין כעס. מיר ציטירן דא לשון קדשו: בענין הכעס היה מורי מקפיד מאוד יותר משאר עבירות. ואמר כי שאר עבירות אינם מחליפים הנשמה [רק מכתימים אותה], כמו הכעס. והענין, כי כאשר יכעס האדם מסתלק ממנו הנשמה אשר בו, ותכנס בו נפש מצד החיצונים, ולטעם זה כל הכועס חכמתו מסתלקת ממנו (פסחים סו, ב), אף אם יהיה חכם גדול וחסיד גדול, עכ"ל.

עס שאדט סיי ברוחניות און אויך בגשמיות, ווי די גמרא זאגט אין פסחים [דף סו] אמר רבי מני בר פטיש כל שכועס, אפילו פוסקין עליו גדולה מן השמים מורידין אותו.

דער כעס איז אויך א שטער פאר די פרנסה פון א מענטש, ווי עס ווערט געברענגט אין ליקוטי מוהר"ן (מהדורא קמא נט) אז כעס איז א שטער פאר עשירות. ער לייגט צו אז ווען א מענטש שפירט אז דער יצר הרע ווייל אים אויפרעגן זאל ער וויסן אז פון הימל איז אנגעשריבן אויף אים אסאך שפע און דער יצר הרע פארגינט עס אים נישט און ווייל עס צונעמען פון אים און זוכט אים צו צוברענגען לידי כעס - ווייל כעס איז מקלקל די השפעה.

א גוטע עצה אויסצורייסן די כעס פון זיך, איז צו לעבן מיט אמונה אז אלעס וואס געשעט מיט אים איז מן השמים, און ווי חז"ל זאגן שוין [ברכות דף ס.] כל מה דעביד רחמנא לטב עביד, און אז אפילו אויב ער זעט אז עס קומט אויף אים שווערע זאכן זאל ער וויסן אז עס איז בדרך כפרה.

מען קען אויך לערנען דער ספר 'ארך אפים' וואו עס ווערט ארומגערעדט בגנות הכעס און עס איז דא אין איר אסאך עצות טובות קעגן כעס.

זאל הקב"ה העלפן אז מען זאל זיך קענען שטארקן אויף די שלעכטע מידה פון כעס און האבן די ישוב הדעת - ווייל דער שליסל פאר התגברות אין כעס איז ישוב הדעת און ניצול ווערן מידי הכעס און זוכה זיין צו די שפע טוב וואס איז אנגעשריבן אויף אונז און צו די גאולה שלימה במהרה בימינו אמן סלה.

# טיב ההשגחה

## מעשיות אויף השגחה פרטית

געשריבן דורך לייענערס

# א גוטער שליח פאר א פרישע פאר תפילין

יענער צופרי ווען איך בין אריין אין די לאקאלע גראסערי האב איך צום ערשטן מאל באמערקט אז ביים אריינגאנג ליגט א פושקע מיט 'תפילין'.

העכער איר שטייט אויפגעשריבן אז דאס דינט אלץ א דערמאנונג אז ווער עס האט נאכנישט געלייגט תפילין היינט - קען בארגן די תפילין און עס לייגן.

עס שטעלט זיך ארויס אז דער פושקע שטייט שוין דארט א לענגערע צייט, אבער נאר היינט האט עס געפאנגען מיין אויג.

רעדנדיג מיט דער געשעפט אייגענטומער, טיילט ער מיט וואס עס ליגט אונטער דעם. ער דערציילט אז מערערע מאל האט ער מיטגעהאלטן ווי אידן פארגעסן זיך און זיי לייגן נישט קיין תפילין, און זוכנדיג מזכה צו זיין די אידן האט ער באשלאסן אז ער גייט אוועקשטעלן ביים טיר די פאר תפילין אז ווער עס האט נאכנישט געלייגט זאל עס קען לייגן.

דער גראסערי אייגענטומער איז געווען שטאלץ מיט זיין אונטערנעמונג און באדויערט אז ער האט נישט נאך א פאר תפילין.

"איך וויל ארויסגיין מיט א מגבית פאר נאך א פאר תפילין", האט ער געזאגט.

א פאר תפילין איז נישט קיין ביליגע ארטיקל, איך האב זיך געוואונדערט ווילאנג עס גייט אים נעמען ביז ווען ער וועט טרעפן א קונה. אין וויסטן חלום איז מיר נישט איינגעפאלן אז איך גיי גאר זיין דער שליח.

יענער נאכט רעד איך מיט מיין ברודער. מיר שמועסן איבער דאס און יענץ, און מיין ברודער דערציילט מיר איבער אונזער שכן וואס איז נפטר געווארן א חודש צוריק.

דער שכן, אן עלטערער און איינזאמער איד, האט נישט איבערגעלאזט קיין קינדער.

די ירושה איז צעטיילט געווארן דורך קרובים אבער די תפילין איז אנגעקומען צו אונזער משפחה און יעצט זוכט די משפחה וואס מען קען טון מיט דעם.

"צי ווייסטו אפשר פון איינער וואס זוכט דרינגענד א פאר תפילין"?

איך האב נישט געגלייבט וואס מיינע אויערן הערן. היינט צופרי האט מיר איינער געפרעגט צי איך האב א פאר תפילין אוועקצוגעבן, און יעצט פרעגט איינער צי איך ווייס איינער וואס זוכט א פאר תפילין.

איך האב געגעבן די תפילין בודק צו זיין פאר א סופר. יענער האט אויסגעלויבט די פרשה'ס, די קלארקייט, די שיינקייט און איר כשרות.

איך האב אפגענומען די תפילין און עס איבערגעגעבן פאר די גראסערי מאן, ער זאל האבן צו טון מיט דעם חסד מיט אידן און מזכה זיין אידן מיט די מצוה פון תפילין.

דערציילט דורך דער בעל המעשה: נ. ב.

די פאראינטערעסירטע צו מיט טיילן מזכה זיין את הרבים
מיט מעשיות פון השגחה פרטית זאל שיקן צו ר' שמחה
סמואלס אין פאקס: 15326517922

# אחדות און שלום

**"וַיַּקְהֵל מֹשֶׁה אֶת כָּל עֲדַת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל, וַיֹּאמֶר אֲלֵהֶם, אֵלֶּה הַדְּבָרִים אֲשֶׁר צִוָּה ה' לַעֲשֹׂת אֹתָם. שֵׁשֶׁת יָמִים תֵּעָשֶׂה מְלָאכָה, וּבַיּוֹם הַשְּׁבִיעִי יִהְיֶה לָכֶם קֹדֶשׁ שַׁבַּת שַׁבָּתוֹן לַה' וגו'"** לה, א-ב

שטעלט זיך די קשיא, וואס איז דער פשט "אֵלֶּה הַדְּבָרִים אֲשֶׁר צִוָּה ה' לַעֲשֹׂת – שֵׁשֶׁת יָמִים תֵּעָשֶׂה מְלָאכָה"? האבן מיר דען באקומען א מצוה אז מען דארף טון ארבעט דורכאויס די זעקס טעג פון די וואך? דער עיקר פון די מצוה איז דאך אז אום שבת זאל מען רוען, אויב אזוי וואלט דאך דער פסוק געדארפט נאנט-שטעלן דעם ציווי צו די מצוה פון בַּיּוֹם הַשְּׁבִיעִי וגו' קֹדֶשׁ שַׁבַּת שַׁבָּתוֹן.

נאר, ערקלערט הרה"ק רבי שלמה לייב לענטשנער זצוק"ל (לקוטי מהרש"ל, תר"א דף שעה.), אז די ווערטער 'אֵלֶּה הַדְּבָרִים אֲשֶׁר צִוָּה וגו'' גייען ארויף אויף דאס וואס איז געשטאנען פריער, און דאס איז דער פשט אין פסוק: "וַיַּקְהֵל מֹשֶׁה אֶת כָּל עֲדַת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל" – משה רבינו האט צוזאמגענומען אלע פאראייניגונגען און האט צוזאמגענומען אלע אידישע קינדער – "וַיֹּאמֶר אֲלֵהֶם אֵלֶּה הַדְּבָרִים", און ער האט געזאגט צו זיי אז דורכן פאראייניגן און צוזאמנעמען די הערצער פון אידן, האב איך געפועלט - "אֲשֶׁר צִוָּה ה' לַעֲשֹׂת אֹתָם".

און אט די עבודה פון שלום און אחדות גייט אן אלע זעקס טעג פון די וואך, כדי מען זאל אנקומען דערפון צום "וּבַיּוֹם הַשְּׁבִיעִי יִהְיֶה לָכֶם קֹדֶשׁ שַׁבַּת שַׁבָּתוֹן לַה'".

דער עיקר הכנה און די חשוב'סטע הכנה צום הייליגן שבת, איז דאס אחדות און שלום אין די הייליגע אידישע שטיבער. אזוי ווי עס ווערט מרומז אין די גמרא (שבת לד.) אנבאלאנגט די דריי זאכן וואס א מענטש דארף זאגן ערב שבת פארנאכטס, ביי זיך אינדערהיים. ערקלערט דארט די גמרא אז "צָרִיךְ לְמֵימְרִינְהוּ בְּנִיחוּתָא, כִּי הֵיכִי דְּלִיקַבְּלִינְהוּ מִינֵּיהּ". ווייל ווי באקאנט איז דא א באזונדערע קליפה, וועלכע טוט העצן צו 'כעס' און 'קפידא' דווקא פאר די שבת קומט אן, און עס ברענגט חלילה 'חשיכה', פינסטערניש אין אידישע הייזער און אין אידישע הערצער. דארף מען זען זיך צו מתגבר זיין אויף די דאזיגע קליפה, און מאכן רוען דאס שלום אינדערהיים.

אזוי ווי מיר לערנען ארויס פון די לעבנס-וועגן פון הלל הזקן דער גרויסער עניו, אינעם באוואוסטן מעשה (שם לא.) וואס איז געשען ווען ער האט זיך געוואשן אום ערב שבת לכבוד דעם הייליגן טאג, און מען האט אים נישט געקענט צוברענגען צו כעס.

אט דאס ווערט קלאר מרומז אין די תפילה פון "כְּגַוְנָא" (זוהר הקדוש תרומה קלה.) וואס מיר זאגן ווען שבת קודש קומט אריין, און דארט זעט מען אז שלום און אחדות איז דער עיקר סוד פון שבת קודש: "כְּגַוְנָא דְּאִינוּן מִתְיַחֲדִין לְעֵילָא כו', אוּף הָכִי אִיהִי אִתְיַחֲדַת לְתַתָּא בְּרָזָא דְּאֶחָד, לְמֶהֱוֵי עִמְּהוֹן לְעֵילָא חַד לָקֳבֵל חַד וכו'. דְּאִתְאַחֲדַת בְּרָזָא דְּאֶחָ"ד, לְמִשְׁרֵי עָלָהּ רָזָא דְּאֶחָד וכו'. כַּד עָיִיל שַׁבַּתָּא אִיהִי אִתְיַחֲדַת וְאִתְפָּרְשַׁת מִסִּטְרָא אַחֲרָא וְכָל דִּינִין מִתְעַבְרִין מִינָהּ וכו'. וְכָל שׁוּלְטָנֵי רוּגְזִין וּמָארֵי דְּדִינָא כֻּלְּהוּ עַרְקִין וְכו', כְּדֵין שֵׁירוּתָא דִּצְלוֹתָא לְבָרְכָא לָהּ בְּחֶדְוָה בִּנְהִירוּ דְּאַנְפִּין וכו'" ע"כ.

און דער פסוק זאגט ווייטער, מיט א גרויס געשריי און ווארענונג: (פסוק ג): **"לֹא תְבַעֲרוּ אֵשׁ בְּכֹל מֹשְׁבֹתֵיכֶם בְּיוֹם הַשַּׁבָּת"**!! וואס די כוונה דערפון בפנימיות התורה איז, אז מען חלילה נישט אנצינדן אינערהאלב אונזערע הערצער און זעלן, דעם פייער פון כעס, אזוי ווי עס באוואוסט פון די תיקונים (פה.) און דער של"ה הקדוש (שבת נר מצוה לב). נאר מען זאל צוזאמנעמען און פאראייניגן די הויזגעזינד מיט שלום און מיט אחדות, און אריינברענגען די מדה פון שלום אין הויז, כאיש אחד בלב אחד.

די וואונדערליכע מעשה וואס איר וועט יעצט ליינען מיטן אויבערשטנ'ס הילף, האט מיר דערציילט אן אייניקל פון הגאון המפורסם רבי משה קליערס זצ"ל, רב פון די הייליגע שטאט טבריה ת"ו:

יאר-יערליך, אויפן טאג פונעם יארצייט פון הגאון רבי משה קליערס זצ"ל, פלעגט קומען צום הייליגן ציון אויפן אלטן בית החיים אין טבריה, אן עלטערער איד, וועלכער האט זיך מטריח געווען און איז געקומען צו פארן די גאנצע וועג פון ירושלים עיר הקודש, דורכמאכנדיג די נישט-לייכטע רייזע פון יענע צייטן, ביז ער איז אנגעקומען צום הייליגן קבר מיט גרויס התרגשות.

איינמאל אויפן יארצייט, איז צוגעגאנגען צו אים דער אויבנדערמאנטער אייניקל, און אים געבעטן אז ער זאל אים ערקלערן די סיבה פארוואס ער נעמט אונטער יעדן יאר די שווערע רייזע, טראצדעם וואס ער איז נישט קיין קרוב פונעם גאון, און אויך נישט אן איינוואוינער פון די הייליגע שטאט טבריה. – עס איז געווען קלאר פארן אייניקל, אז עס באהאלט זיך דא א ספעציעלע סיבה פארוואס דער עלטערער איד קומט צו פארן יעדן יאר, וואס קען גיסן מער ליכטיגקייט איבערן לעבעדיגן אנדענק פונעם גרויסן זיידן. דעריבער האט ער זיך דערוואגט צו צוגיין צום זקן, און אים אויספרעגן, כדי דאס צו קענען מיטיילן מיט די קומענדיגע דורות.

דער זקן האט גערן צוגעשטימט, און זיך גענומען דערציילן:

צוריק מיט יארן, ווען איך בין נאך געווען א יונגערמאן, איז דער 'שלום בית' אין הויז געווארן ליידער צושטערט, א שווערע קריגעריי האט אויסגעבראכן, לא עלינו, צווישן מאן און ווייב, און האט זיך געשטארקט אלץ מער און מער די גאנצע צייט. ווי דער שטייגער פון א מחלוקת, האט זיך דער כעס און ביטערניש אריינגעזעצט טיפער און טיפער אין הארץ, וואס האט צוגעברענגט מער און מער קריגערייען, אזוי ווי א שטריק וואס האט זיך פארקניפט, און אויב מען ווייסט נישט וויאזוי עס צו אויסגראדן ווערט עס נאר מער און מער געדרייט, אן קיין וועג ארויס. זאכן זענען געווארן אזוי שווער און קאמפליצירט, ביז איך האב מער נישט געקענט אויסהאלטן די יסורים און קריגערייען, און איך האב באשלאסן אז איך מוז נעמען אביסל אֲוִירָה. 

איך האב זיך אויפגעהויבן, איינגעפאקט א רענצל און זיך ארויסגעלאזט צו די ווייטע טבריה, אויך כדי צו באקומען מנוחת הנפש און איבערפרישן די כוחות. אבער דער עיקר האב איך דאס געטון, כדי זיך גוט דורכצוטראכטן אינעם גאנצן ענין, און באשליסן אין וועלכן ריכטונג צו גיין.... צי איז בכלל מעגליך צו מאכן 'שלום בית' צווישן מאן און ווייב, אדער איז חלילה מער נישטא קיין האפענונג, און מען דארף חלילה טראכטן פון זיך צושיידן.

איך בין אנגעקומען קיין טבריה, און זיך דארט געדינגען א קליין דירה'לע פאר א קורצע צייט. איך האב אויסגעפאקט דעם רענצל, און מסדר געווען מיינע חפצים. די דירה איז געווען א שיינע און באַטעמ'טע, און אויך זייער שטיל און רואיג. פון די פענסטער האט מען געזען דעם כנרת טייך, אויסגעשפרייט אזוי ווי א פידל, מיט אירע שטילע און רואיגע וואסערן, וועלכע טראגן מיט זיך די סגולה צו בארואיגן דעם מענטש, און אים שאפן מנוחת הנפש – עפעס וואס האט מיר דעמאלטס זייער שטארק אויסגעפעלט.

ווען אלעס איז שוין געווען מסודר אזוי ווי עס דארף צו זיין, האב איך זיך ארויסגעלאזט צו "מנחה – מעריב" אינעם גרויסן בית המדרש פון שטאט. נאכן דאווענען, האט מיר דער רב פון שטאט, הרב קליערס זצ"ל, הארציג ענטפאנגען מיט א ברייטן "שלום עליכם", ווי עס איז געווען זיין הייליג שטייגער אלץ רב אין שטאט, צו מקרב זיין די געסט וועלכע זענען אנגעקומען אין שטאט, און זען וויאזוי זיי פילן זיך, און פארשטיין פארוואס זיי זענען געקומען, א.א.וו. אסאך מאל איז אים געלונגען דורך אזעלכע אנגענעמע שמועסן, שטארק ארויסצוהעלפן די אנקומענדע, מיט פארשידענע מיטלען וואס ער האט פארמאגט.

אויך אין מיין פאל – האט דער זקן ווייטער דערציילט, האט דער רב אנגעהויבן פארברענגען מיט מיר מיט אן אנגענעמע שמועס, און ווען ער האט געהערט אז עס שטייט פאר אים א גאסט פון ירושלים עיר הקודש, האט ער זיך זייער שטארק געפריידט. יעצט איז געקומען די פראגע: "און וואו איז יעצט אייער אכסניא, דא אין טבריה"? איך האב אים דערציילט איבער די קליינע און געשמאקע דירה'לע וואס איך האב זיך פארשאפט פאר נישט קיין טייער פרייז, וואס איז זייער פאסיג פאר א קורצע צייט פון זיך אפרוען. – איבער די פילע פראבלעמען, און איבער דעם צושטערטן 'שלום הבית', האב איך אים נישט דערציילט. אויך דער רב פון זיין זייט, האט נישט געפרעגט צופיל שאלות, און מיר נישט געדרוקט אים צו דערציילן און אנטפלעקן די סיבות פארוואס איך האב זיך געדארפט ארויסלאזן אזוי ווייט ביז קיין טבריה. – פאר אים איז געווען גענוג דאס אליין, אז ער האט דא א טייערער גאסט פון ירושלים קרתא דשופריא, און ער איז געווען זייער צופרידן דערמיט.

נאך א קורצע פאזע, האט דער רב זיך געווענדן צו מיר: אייגנטליך, פארוואס זאלסטו נישט קומען נעכטיגן ביי מיר אינדערהיים? צו דינגען די דירה'לע קאסט דאך עפעס א סומע געלט. אינדערצייט וואס איך און מיין הויזגעזינד קענען דאך זוכה זיין אין אזא חשוב'ע מצוה, פון הכנסת אורחים? ביי אונז אינדערהיים, האט דער רב געזאגט מיט א הארציגן שמייכל, וועסטו זיך קענען גוט אויסרוען, נישט ווייניגער ווי אינעם געשמאקן דירה'לע וואס דו האסט געפינען! אויך איז ביי אונז רואיג מיט הרחבת הדעת, און וועסט זיך קענען דערקוויקן מיט די שיינע פּאַנאָראַמעס פון די אלטע טבריה. מעגליך וועלן מיר אויך קענען לערנען אביסל אינאיינעם, און אזוי וועסטו קענען געשמאק פארברענגען ביי דיין 'וואקאציע' אן קיין איבעריגע אויסגאבן!

אין אמת'ן, דערציילט דער איד ווייטער, האב איך אנהייב נישט אזוי שטארק געוואלט אננעמען דעם רב'ס לאדענונג, וויבאלד איך האב געוואלט זיין אביסל מיט מיר אליין, נאך די שווערע צייט וואס איז אריבער אויף מיר, און איך האב איידעלערהייט אפגעזאגט דעם ביטע. איך האב זיך פארענטפערט פארן רב, ערקלערנדיג אז עס איז מיר נישט געשמאק צו מטריח זיין דעם רב און רעבעצן, וויבאלד עס רעדט

המשך אין עמוד ד'

זיך נישט דא פון נעכטיגן איין נאכט, נאר א גאנצע וואך און אפשר מער. – דער רב האט אבער נישט אזוי שנעל געוואלט מוותר זיין אויף די גרויסע מצוה וואס איז אים אונטערגעקומען, און ער האט פראבירט מיט אלע סארטן וועגן מיר צו איבערצייגן פארוואס עס לוינט מיר צו קומען איינשטיין אין זייער הויז. ״דאס איז בכלל נישט קיין טירחא פאר אונז״, האט זיך דער רב ממש געבעטן ביי מיר. ״פארקערט, די רעבעצן וועט זייער הנאה האבן און זיך שטארק פרייען! מיר האבן ליב אריינצונעמען געסט אין אונזער הויז, וויבאלד די געסט ברענגען מיט זיך שמחה און לעכטיגקייט״ – האט דער רב געבעטן.

ענדליך האט דער רב געזאגט צו מיר, אז איך זאל פראבירן כאטש פאר עטליכע טעג, און אויב איך וועל טראצדעם שפעטער וועלן צוריקגיין צו די דירה׳לע, וועל איך דעמאלטס צוריקטוישן. אזוי איז מיר נישט געבליבן קיין אנדער ברירה, און איך האב אנגענומען זיין פארלאנג, וויבאלד עס איז נישט שיין אזוי שטארק אפצוזאגן די הארציגע בקשה פון אזא גרויסער רב און צדיק, וואס חזר׳ט זיך איבער איינמאל און נאכאמאל. איך בין דורכגעקומען מיטן בעל הבית פון די דירה׳לע, און צוריק צוזאמגעפאקט מיינע זאכן, אבער נישט פון א נסיעה פון לאנגע שעה׳ן, נאר אויף א קורצע שפאציר אין די געשמאקע לופט פון די הייליגע שטאט טבריה.

אנקומענדיג ביים הויז פונעם רב, בין איך אויפגענומען געווארן דורכן רב און די רעבעצן בסבר פנים יפות און מיט גרויס פרייד. איך האב באקומען א זייטיגער צימער, דארט צו איינשטיין, און אוועקלייגן מיינע זאכן, און נאכן ווערן גוט געזעטיגט פון די הארציגע מאלצייט וואס מען האט מיר דערלאנגט, בין איך געגאנגען צו מיין צימער פארן נאכט־שלאף.

דאס זיין א גאסט ביים הויז פון דעם רב און רעבעצן, איז מיר געווען זייער געשמאק. איך בין זייער געשמאק און רואיג געשלאפן, וואס דאס איז געווען זייער דרינגענד פאר מיר און פאר מיינע ביינער, נאך א לאנגע תקופה פון לייד און קריגעריי, ווען עס האט מיר געפעלט רואיגקייט.

ווי נאר עס איז טאג געווארן, האב איך זיך אויפגעוועקט מיט פרישע כוחות, און געהאפט זיך ארויסצוכאפן צום כנרת פאר א טבילה, און גיין דאווענען שחרית. איידער איך בין ארויסגעגאנגען פון הויז, האב איך געזען ווי דער רב שטרענגט זיך אן און טוט פילע פעולות אין הויז. צום ערשט האט ער אנגעגרייט פאר די רעבעצן א קווארט מיט א שיסל זיך צו וואשן די הענט, דערנאך האט ער ארויסגעטראגן די וואסער און עס אויסגעגאסן. פון דארט איז ער שנעל געלאפן צום קאך, וואו ער האט אנגעשטעלט א קעסל מיט וואסער זיך צו קאכן, און ווי נאר עס האט זיך געהערט די פייף, וואס האט געוויזן אז די וואסער קאכט זיך, האט ער אריינגעלייגט די קאווע קערנדלעך, וואס האט ארויסגעגעבן גאר א גוטן גערוך אין הויז!

דערנאך האט דער רב ארויפגעלייגט דעם גלעזל קאווע אויף א שיינעם טעצל, באגלייט מיט עטליכע געשמאקע קיכלעך אויף א טעלערל. און אזוי, מיטן שיינעם ׳געשאנק׳, איז דער רב אריינגעגאנגען אינעם צימער פונעם רעבעצן, און עס איר דערלאנגט, כדי זי זאל אנהייבן דעם טאג מיט א געשמאקע קאווע וואס דערווארעמט דעם גוף און אויך דעם הארץ...

און איך, דערציילט דער עלטערער איד ווייטער זיין וואונדערליך דערציילונג, שטייענדיג פון דער זייט, האב פארשטאנען אז ווי עס זעט אויס פילט זיך די רעבעצן נישט אזוי גוט, און וויבאלד זי פילט זיך שוואך, איז דער רב זיך אזוי מטריח איר צו באדינען, מיט אזא הארציגקייט. – דערפאר האב איך גלייך געלאזט וויסן פארן רב, נאך איידער איך בין ארויסגעגאנגען צום בית המדרש, אז גלייך נאכן דאווענען, בעזרת השם, וועל איך קומען נעמען מיינע זאכן, און צוריקגיין צום דירה׳לע וואס איך האב נעכטן געדינגען. ״איך וויל חלילה נישט מטריח זיין די רעבעצן ווען זי פילט זיך נישט גוט״, האב איך גע׳טענה׳ט.

דער רב, הערנדיג מיינע ווערטער, האט זיך זייער געוואונדערט, און איז אויך געווארן אביסל באליידיגט: די רעבעצן איז בכלל נישט קראנק! זי איז ב״ה געזונט און שטארק כְּאַחַד הָאָדָם? – אפשר האסטו נישט הנאה געהאט ביי אונז אינדערהייט? מעגליך האט עפעס געפעלט, אדער איז דיר געווען צי קאלט ביינאכט? פארוואס גייסטו אוועק פון אונז, אזוי שנעל? האט זיך דער רב געוואונדערט.

האב איך געזאגט פארן רב, אז וויבאלד איך זע אז ער דארף זיך אזוי מטריח זיין און באדינען די רעבעצן, האב איך פארשטאנען אז זי פילט זיך אוודאי נישט גוט, און דעריבער וויל איך מער נישט באלעסטיגן דא אין הויז.

״וואס עפעס״? האט דער רב געענטפערט. קיינער איז דא נישט קראנק, און עס איז דא נישט פארהאנען קיין שום מחלה, חלילה וחלילה! – נאר, איך האב געזען אין די כִּתְבֵי הָאֲרִיזַ״ל, אז יעדער מענטש זאל מקבל זיין אויף זיך פארן דאווענען, די מצוה (ויקרא יט, יח) ״וְאָהַבְתָּ לְרֵעֲךָ כָּמוֹךָ״. וזה לשון קדשו (שער הכוונות דרושי ברכת השחר): ״קֹדֶם שֶׁהָאָדָם יְסַדֵּר תְּפִלָּתוֹ בְּבֵית הַכְּנֶסֶת, צָרִיךְ שֶׁיְּקַבֵּל עָלָיו מִצְוַת ׳וְאָהַבְתָּ לְרֵעֲךָ כָּמוֹךָ׳. וִיכַוֵּן לֶאֱהֹב כָּל אֶחָד מִבְּנֵי יִשְׂרָאֵל כְּנַפְשׁוֹ, כִּי עַל יְדֵי זֶה תַּעֲלֶה תְּפִלָּתוֹ כְּלוּלָה מִכָּל תְּפִלּוֹת יִשְׂרָאֵל, וְתוּכַל לַעֲלוֹת לְמַעְלָה וְלַעֲשׂוֹת פֶּרִי״, עכל״ק.

דעריבער האב איך געטראכט צו מיר, האט דער רב ערקלערט, פארוואס זאל איך זיך אויסזוכן א חבר אין די גאסן פון שטאט אדער אין שול, כדי מקיים צו זיין מיט אים די מצוה פון ״וְאָהַבְתָּ לְרֵעֲךָ כָּמוֹךָ״, ווען איך האב שוין גרייט ביי מיר אינדערהיים, א נאנטע און גרינגע מעגליכקייט, צו מקיים זיין את די וואונדערליכע מצוה.

ווייל מורינו הרב חיים וויטאל זצוק״ל ערקלערט דאך אינעם ספר הליקוטים (פר׳ עקב פ״ח), אז דער עיקר כוונה פון די מצוה פון נִשּׂוּאִין איז נאר געקומען כדי מען זאל מקיים זיין דערמיט די מצוה פון ״וְאָהַבְתָּ לְרֵעֲךָ כָּמוֹךָ״, ווען ער וועט איר ליבהאבן אזוי ווי זיך אליין. און ווי דאס ווערט מרומז אינעם סוגיא פון אנהייב דער צווייטער פרק פון מסכת קידושין (דף מא ע״א), זע דארט. [און עס ווערט שיין ערקלערט באריכות אינעם ספר ״טיב השידוכים״ (שער הראשון פרק חמישי אות ג, עיין שם].

ווי פארשטענדליך, האט דער מענטש פארענדיגט זיין דערציילונג, אז נאך אזא לעבעדיגע און געוואלדיגע מוסר שיעור, האט זיך געטוישט זיין גאנצע צוגאנג צו שלום בית, באטראכטנדיג די לעבנס־וועגן פון די חכמי התורה, וואס דְּרָכֶיהָ דַרְכֵי נֹעַם וְכָל נְתִיבוֹתֶיהָ שָׁלוֹם. איך האב זיך גוט אויסגעלערנט די וועגן פון חַיִּים וְשָׁלוֹם, וויאזוי א מענטש דארף מכבד זיין די ווייב און איר ליבהאבן. – איך האב גלייך פארשנעלערט מיין צוריקקער קיין ירושלים, און איך בין אהיימגעפארן אין א מזל׳דיגע שעה. פון דעמאלטס און ווייטער האט זיך געטוישט מיין גאנצע צוגאנג אין הויז, איך האב אנגעהויבן מכבד צו זיין מיין ווייב און זוכן איר גוטס. אנשטאט צו האקן אין יעדן פאל אויף דאס וואס טויג נישט, אדער זיך צו באשיצן פון קריטיק, האב איך אלעמאל ארויסגעהויבן די גוטע זאכן, און איך האב אלעמאל פראבירט צו מאכן א געשמאקער אטמאספער אין הויז, מיט שמחה און ליבשאפט. און זעלבסטפארשטענדליך, אז כַּמַּיִם הַפָּנִים לַפָּנִים (ר״ת כלה), האט זי מיר צוריקגעגעבן מיט די זעלבע מטבע, און דער שלום האט זיך צוריקגעקערט צו אונזער הויז.

און ביז היינט, האט דער זקן אויסגעפירט זיין וואונדערליכן דערציילונג, האב איך א הכרת הטוב פארן גרויסן רב, וואס אין זיין זכות האט זיך דער שלום צוריקגעקערט צו אונזער הויז, און זיינע וואונדערליכע וועגן און גאלדענע מידות זענען די ליכטיגקייט פון אונזער לעבן, צו יעדער צייט. דעריבער קום איך צו פארן יעדן יאר צו זיין קבר, כדי זיך צו מדבק זיין אין זיינע וועגן און אין זיינע מעשים.




מוקד הזמנות ספרים
של הגה״צ רבי גמליאל הכהן רבינוביץ שליט״א
קו ההזמנות של מכון טיב 0733-22-76-09
טלפון אחד והספר אצלך
ללא עלות דמי משלוח

יו״ל ע״י קהילת שבתי בבית ד׳ | רח׳ ישעיהו 7 ירושלים טל: 078-3331109 05276-10455 | shivti11@gmail.com

יהודי יקר! אל תחזיק טובה לעצמך, הנך מוזמן להדפיס ולהפיץ את העלון באזור מגוריך ולהיות שותף לזיכוי הרבים. המעוניינים יקבלו את העלון במייל (אפשר גם ישירות לדפוס) בקובץ להדפסה.

Anyone Interested in receiving Tiv Hakehila weekly in Hebrew or English should Email - Sheldon@hpins.net Or | zeligk@gmail.com or text 718-249-7173